בעזהשי"ת

# קול דמי אחיך צועקים

דברי אמונה בנסיונות הזמן | גליון ג' | ערש"ק כי תבא תשס"ג

## ותטה לב המלכות עלינו לטובה

בימי רחמים ורצון אשר נהגו ישראל קדושים להרבות באמירת מזמורי תהלים אולי הזמן גרמא להתבונן בתיבות אלו אשר בנוסח היה"ר שאומרים אחר תהלים.

בספה"ק קדושת לוי (קדושה רביעית לפורים) מבאר דיש שלשה אופנים שהשי"ת מושיע את ישראל מידי או"ה. הא' בשידוד הטבע לגמרי כמו בנס של יציאת מצרים. הב' ע"י מלחמת רבים ביד מעטים כמו בנס דחנוכה. הג' שהשי"ת מהפך לב שונאינו עלינו לטובה כמו בנס דפורים, ומסיים "וזה היה הנס דפורים, ואת זה צריכים בגלות המר עד מאד להטות את לב האומות עלינו לעשות עמנו טובות" עכ"ל, ועי"ז מתפללין גם ביה"ר כשמוציאין הס"ת ביו"ט ותתן בלב המלכות ויועציו ושריו עלינו לטובה, ובנוסח הנותן תשועה למלכים (מוזכר באבודרהם סדה"י ומג"א) מלך מלכי המלכים ברחמיו יחייהו וישמרהו וכו', מלך מלכי המלכים ברחמיו יתן בלבו ובלב כל יועציו ושריו רחמנות לעשות טובות עמנו ועם כל ישראל.

הגוים בפנימיות לבבם רוצים תמיד להחטיא את ישראל ולהפר את הברית וקשר שבין ישראל לאביהם שבשמים, ומפני זה בשעה שרצו הציונים להמיר את ישראל עם קדוש לה' אל עם לאומי ר"ל באו אומות העולם לעזרתם, הגוים ראו בהמדינה הענין שהמה רוצים שישראל עם ה' יתערבו עמהם, לבטל את הקדושה האלקית של עם סגולה, הלא הי' זאת דבר קבוע אצל כל עמי תבל להביט על יהודי עם בוז וקלון, הלא צחקו כל האומות כולם בעת הגזירה הנוראה שנשרפו מליונים מישראל בכבשון אש, אבל שנאה זאת היא דוקא אל קדושת ישראל, אבל בשעה שהציונים חושבים להסיר את ישראל מאחרי ה' אלקי ישראל, אדרבה בזה הם עוזרים בכל היכולות עד עכשיו.

הי' זה ביום המר י"ז כסליו תש"ח בעת שהכריזו האו"מ על ייסוד המדינה הציונית, מרן הגה"ק מבריסק זצ"ל בהתאוננו על המצב הנורא הסתובבב חדרו אנה ואנה וחזר על קאפיטל ב' למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק יתיצבו מלכי ארץ ורוזנים נוסדו יחד על ה' ועל משיחו (עובדות והנהגות לבית בריסק ח"ג).

וכ"כ אז מרן הגה"ק מסאטמאר זצ"ל וז"ל וכל כך גרמו העונות אשר הצליח מעשה שטן ויצא העגל הזה, ויתיצבו מלכי ארץ ורוזנים נוסדו יחד, ועל עם בנ"י יערימו סוד, אמרו לכו וגו ושאני מינות דמשכא (דברי יואל מכתב ע"א).

ובמק"א כ' וז"ל אשר הגיע העת והעונה לרחם עלינו ולגאלינו לולי הכתות הרעות משורש פורה ראש ולענה של המינות והכפירה ר"ל בסיוע העמים אוה"ע שהם ממנוחי הרשעים ר"ל. (דברי יואל מכתב ע').

ובפיוט אקדמות נאמר תאין ומתכנשין כחיזו אדותא, תמהין ושיילין ליה בעסק אתותא, מנן ומאן הוא רחימך שפירא בריותא, ארום בגיניה ספית מדור אריותא, יקרא ויאה את אין תערבו למרותא. ומקורו במדרשי חז"ל בפסיקתא זוטרתא (עשרת הדברות) או"ה מונין לישראל ואומרים להם עד מתי אתם מתים על אלוקיכם וכו', כמה פורעניות הוא מביא עליכם, בוזזים מכם, כמה מלכיות הוא מביא עליכם, שובו לכם אצלינו ואנו עושים אתכם דוכסים ואיפרכים ע"כ. זהו מה שאו"ה שרי ארה"ב וה"יו ען" וכו' עומדים חזק להחזיק את המדינה הציונות לנתק את קשרי עבותות האהבה בין לאביהם שבשמים.

ועי"ז אנו מתפללין להשי"ת ותטה לב המלכות עלינו לטובה, שיתן השי"ת בלבם שיתאספו כולם להכריז על ביטול השתלטות הציונות מן העולם. וכלשון צדיק מרן הגה"ק מסאטמאר זצ"ל שכתב עוד באייראפע: ובחמלת ה' עלינו הצילנו מהרעיון הזה ונתן בלב האומות שלא למסור אה"ק ביד ממשלת רשעי ישראל, עד ישקיף ה' ויערה עלינו רוח ממרום ועדיין צריכים לרחמי שמים, עכ"ל, (טיב לבב תשובה סי' ח').

גם האומות אשר הציונים רדפו ורצחו אותם באכזריות בשם ישראל, ועי"ז נתעורר אצלם שנאה נוראה לכל יהודי, צריכים אנו להעתיר בתפלה, ותטה לב המלכות עלינו לטובה, שאו"ה אשר ישלטו בא"י ואוה"ע בחו"ל לא יזיקו לשום בר ישראל כיה"ר אמן ואמן.

ובקרוב נראה ישועת ה' בגילוי כבוד ה' עלינו יגל יעקב ישמח ישראל.

## הצלתינו

**דברות קודש מאת מרן הגה"ק ר' אלחנן וואסערמאן זצ"ל שפירסם אחר הפאגראם בחברון בשנת תרפ"ט**

בחתימת הדברים ראוי להזכיר את מאמרם אתם נצבים היום וגו', היסורים מציבין אתכם ומקיימין אתכם לפניו, והנה פנים הרבה לביאור דברים אלו, אבל א' מהאופנים היא כי בעת שהקטיגוריה רבה על שונאי ישראל והקטיגורים דורשים לעשות כלי' ח"ו, וכביכול תש כח של מעלה לסתום פיותיהם, אז מקימים עלינו רודפים כנחשים צפעונים, ומכיון שישראל הם נרדפים הלא היא מידת הנהגה העליונה והאלוקים יבקש את הנרדף, אפי' צדיק רודף רשע, ולא תוכל מידת הדין לטעון נגד זה, ובזה ישראל נצלין מכליון ח"ו, מזה נבין כי כל כוחינו וקיומינו היא בהיותינו נרדפין, וחלילה לנו לבקש להיות רודפים, ואחת משלש שבועות שהשביע הקב"ה לישראל: אל תמרדו באומות (כמבואר בכתובות קי"א.) כי אלה ברכב ואלה בסוסים ואנחנו בשם ה' אלקינו נזכיר.

**אלחנן בונם וסרמן**

(מתוך מאמר דברי חכמים בנחת נשמעים)

# רודפים עליך ישראל!!!

## עדות גדולי ישראל שהציונים הארורים ימשו״ז הם הביאו עלינו את הרציחות באה״ק

ובעת שהלכתי בחוצות ירושלים במקום אשר סבבו התושבים הערבים וגמליהם, כמעט בכל מקום עברי, פנו הדרך ביראת הכבוד, הלואי שנזכה שתהי׳ מקצת מזה בכל המדינות בין תושבי הארץ, השקפתי שנוכל להעמיד היחס אתם ולשבת שמה בהשקט ובטחה. (אוסף מכתבים בעל אמרי אמת)

וכל עשרות השנים הללו וכו׳ שרר שלום והשקט בארץ, שוכני הארץ אשר לא מבני ישראל המה, הביטו בעין טובה על הפרחת הישוב, שנאת הדת אשר בעוה״ר מצאה לה מהלכים בכמה ארצות בחו״ל, לא היה לה מקום בארץ זו המקודשת מכל הארצות, עושה שלום במרומיו פרש את סוכת שלומו על הארץ ועל העיר אשר בחר בה, נכבדי השכנים הוקירו את היהודים, והיהודים רכשו אהבה והכרה לשאר התושבים, ובמקרים לא מעטים נעזר חלק האחד ע״י חבירו, כראוי ומתאים לשכנים שקטים הרוצים יחד בהצלחת ארץ מושבם, גם הערבים עצמם ידעו ויודעים שהיהודים דורשים שלומם וטובתם, ומביאים ברכה לארץ כולה.

(מכתב מרן הגה״ק ר׳ יוסף חיים זאנענפעלד זצ״ל - מרא דארעא דישראל פרק ז׳)

ומה שכתבתם שבצוק העיתים הללו צריך מקום מפלט, תמה תמה אקרא הלא לולי כעס האנשים האלה אשר גרמו לנו באה״ק הי׳ לנו שם מקום מפלט טובה, כי לא לחמו שם הערבים והממשלה נגד בני ישראל והי׳ אפשרות שם לצאת ולבוא ולישב בשלוה והשקט, ואך ע״י אלו שרוצים למלוך וליקח שם ממשלה שלא כדת של תורה ועוברים על השבועה שהשביען הקב״ה שלא יעלו בחומה בזה גורמים אף וחימה. (דברי יואל מכתב ס״ח)

עוד רבתה רשעתם, כי אלו לא היו הצואנים שואגים בקול גדול לנו הארץ, ולבקש שיהי׳ הארץ שלהם, ולעשות מלוכה לישראל בארץ בלי משיח ובלתי התורה, לא היו הערביים עושים לנו שום רעה, אדרבה אה״ק הי׳ עתה בעת צרה מקום פליטה לכל הנדחים ממושבותיהם, כי הערביים הי׳ טובים עם ישראל שדרו שם, ויהודי הלך בלילה יחידי בדרך בלי שום פחד, ולא עשו שום דבר רע לישראל רבות בשנים, ולא הי׳ על דעתם שלא לקבלם או לעשות להם רעה, אך מעת אשר ראו הערביים כי הצואנים אומרים לי הארץ, ורוצים להיות אדונים שם מזה נתעוררו הערביים לרדוף אותנו, א״כ כל הרשעה והצרות הוא רק ע״י הצואנים.

(מרן הגה״ק משימלוי זצ״ל- טיול בפרדס מהדו״ק)

וע״י עצת אלו האנשים בזו והכעיסו מרי

נפש אלו את הערביים שהיו בשלום ובשלוה עם ישראל כמה דורות.

(מרן הגה״צ רמ״ד ווייסמאנדל זצ״ל - קו״ק מי נתן ישראל לבוזזים)

אחת הדירות שגר בה (הגה״צ ריא״ז מרגליות ז״ל) היתה בשכונת כנסת, מול חלון הדירה היה שטח גדול פנוי, בשנת תרפ״ט היה גר שם ערבי בשם אבעד, והיה לו שדה חטים, והגוי הזה היה ביחסים טובים, עם השכנים היהודים, והוא היה השבת גוי, כשהיו צריכים לבשל חלב לחולה בשבת, הערבי הזה היה מבשל, וכן קראו לו בשבת כשהתלקחה השלהבת ממנורות הנפט (לאמפ בלע״ז) לא היו צריכים לומר לו שום דבר, הוא כבר ידע מה לעשות, ואחרי שב״ק נתנו לו עבור זה חלה קטנה והיה שבע רצון.

בשבת אחת השתוללו הציונים החלוצים ודפקו על הדלת של הערבי בכוונה להרגו ביחד עם אשתו, התחוללה מהומה גדולה בחוץ, ובקשו ממנו שהיה אז אברך צעיר, שיבא לעזור, בא ועמד ליד הדלת, ומיד כשפתחו את הדלת בתוך המהומה, הלבישו את הערבי שטיימל וקאפטן והלך לבית הכנסת, ולא ידעו החלוצים מי הוא הערבי, ובזה הציל את כל השכונה, שהערבים היו גומלים בפוגרום אם היו הורגים אותו.

(תולדות חייו של הגה״צ ר׳ אשר זעליג מרגליות זצ״ל – ספר אזמר בשבחין דף י״א)

ידוע לכל כי חיינו היהודים בארצנו הקדושה בין הערבים בשלות השקט, הערבים לא היתה עיניהם צרה על היהודים, הישוב של היהודים הי׳ הולך ומתגדל הולך ומתרחב לשביעת רצונם של הערבים, בחפץ לבם היו מוכרים מקרקעותיהם להיהודים וכו׳ לא נשמע שום התנגדות מהעם הערבי לא נגד ביאתן של יהודים לארץ ולא נגד מכירת קרקעותיהם ליהודים, גרנו בין הערבים בשכנות בלי שום פחד, אדרבא הערבים היה להם אמון מלא ביהודים, והרבה פעמים היינו יכולים לראות כי העדיפו לסחור עם יהודים, אפילו יותר מלסחור עם אחיהם הערבים.

(הרה״צ ר׳ עמרם בלוי ז״ל ממכתבו לר׳ אליעזר נויבערגער ע״ה)

ישוב הזה היו מעורבים בשכנות הערביים, עם כל זאת לא הי׳ פחד לילך יהודי, שלא הי׳ שום שנאה מערביים לישראל, אדרבא היתה באהבה בין השכנים הערבים לישראל, ואני בעצמי נתגדלתי בשכינת עם הערביים שהוא הישמעאלי הי׳ בעל החצר וא״מ הי׳ בתור שכן.

(בטוב ירושלים – המגיד הירושלמי ר׳ בן ציון יאדלער זצ״ל)

# עצת התורה - (ב)

**לאחבנ״י תושבי ארה״ק, הדרך אשר הורה לנו יעקב אבינו ע״ה,**
**כמבואר מדברי רבותינו הראשונים ואחרונים ז״ל**

ויצו אותם לאמר, לאמר לדורות, שלא יתקשו כנגד הגל, שכל המתקשה כנגד הגל הגל שוטפו, וכל הנכנע מפני הגל הגל עובר. (מדרש לקח טוב)

ויצו את הראשון, זה גלות ראשונה את השני זו גלות שניה, את השלישי זו גלות שלישית, את כל ההולכים, זה גלות רביעית, וכו׳. (מדרש לקח טוב)

יש בזה עוד רמז לדורות כי כל אשר אירע לאבינו עם עשו אחיו יארע לנו תמיד עם בני עשו, וראוי לנו לאחוז בדרכו של צדיק שנזמין עצמנו לשלשת הדברים שהזמין הוא את עצמו, לתפלה, ולדורון, ולהצלה בדרך מלחמה לברוח ולהנצל, וכבר ראו רבותינו הרמז הזה מן הפרשה הזאת כאשר אזכיר. (רמב״ן בראשית ל״ב, ד)

אמרו רבי ינאי כד הוה סליק למלכותא הוה מסתכל בהדא פרשתא ולא הוה נתיב עמי רומאין, חד זמן לא איסתכל בה ונסיב עמיה רומאין, ולא הגיעו לעכו עד שמכר פנס שלו, מפני שהיתה קבלה בידם שזו פרשת הגלות, כשהיה בא ברומה בחצר מלכי אדום על עסקי הציבור היה מסתכל בפרשה זו ללכת אחרי עצת הזקן החכם, כי ממנו יראו הדורות וכן יעשו. (רמב״ן שם ל״ג, ט״ו)

אבל בסוף כאשר ראה הכבוד הגדול שעשה לו יעקב ואשר השפיל עצמו לפניו שהשתחוה ארצה שבע פעמים מרחוק עד גשתו אליו, נכמרו רחמיו, וחשב כי הוא מודה בבכורתו ובגדולתו עליו כאשר פרשתי, והתנחם בזה **כי הלבבות לה׳ המה לכל אשר יחפוץ יטה אותם**. (רמב״ן ל״ב, ח)

ויש לנו לאחוז דרכו ולסבול הנסיונות כמו שסבל הוא ולעשות הענינים שעשה הוא לאחיו כשראה נפשו בצרה, וכמו שהכניע עצמו לפניו וקראו אדון בפני שלוחיו, וצוה להם שיאמרו לו כה אמר עבדך יעקב, כל זה רמז לנו שנשפיל בגלות לבניו ונקראם אדונים, וכי אנחנו עבדים להם כמו שאמר עזרא (ט, ט) כי עבדים אנחנו, ואמרינן במדרש ר׳ יהודה שלח ליה לאנטונינוס מאת עבדך יהודה והיה הדבר רע בעיני אנטונינוס ואמר מי יתן אני עבדך לעוה״ב, אמר לו רבי יהודה איני גדול מן זקני ואתה אינך גדול מזקנך, ועוד השפיל עצמו באמרו עם לבן גרתי לא נעשית שר ונגיד, ויהי לי שור וחמור לא נתקיימו בי ברכות אבי שאמר מטל השמים ומשמני הארץ, וזה אינו לא מן השמים ולא מן הארץ ואמר שור וחמור למעט עשרו, וכל זה מן השפלות.

(דרשות ר״י אבן שועב)

ומה שנוכל להבין מזו הפרשה שאעפ״י שהי׳ רואה יעקב ומבין מעלתו ומדרגתו בעליונים, לא הגיד דעתו ולא הלך בגדולות ובנפלאות ממנו, ותמיד היה מתיירא ומתפחד ושולח דורונות, כמוזכר בבראשית רבה, שכל אותן החדשים שהיה יעקב בסוכות היה מכבד עשו בדורון בכל חודש וחודש וכל זה רמז לנו בגלותנו.

(דרשות ר״י אבן שועב)

# הפאגראם הנורא בישיבת חברון בשנת תרפ"ט

## מסופר ע"י תלמיד הישיבה הרה"ג ר' ברוך קאפלאן זצ"ל מנהל בבית יעקב לבנות בבארא פארק

**נעתק מהטעיפ מה שסיפר אצל שמחת משפחתו**

די צייט וואס איך בין געווען אין חברון איז אויך אויסגעפאלן דאס וואס עס זענען נעבאך אומגעקומען אן ערך פון עטליכע און צוואנציג ישיבה לייט גרויסע תלמידי חכמים און נאך פערציג מענטשן פון די אנשי העיר, וואס די וועלט רופט עס "די פרעות פון חברון" האב איך געוואלט באצייכענען דא א טעות וואס איז אריין געגאנגען אין דער וועלט, א געוואלדיגן טעות, א מורא'דיגע טעות, אז די וועלט האט אנגענומען אז די חברון'נער אראבער זענען געווען רוצחים און זיי האבן באפאלן די יודן מחמת רציחה, מחמת שלעכטקייט. אבער אויב מען וועט אויסגלייכן די ידיעות איז דאס באמת נישט ריכטיג. אוודאי אן אראבער איז אן אראבער, ער איז נישט קיין יוד, אבער זיי זענען געווען זייער פריינטליכע אראבער, די יודן האבן געלעבט מיט זיי זייער פריינטליך, די גוים האבן געארבעט פאר די יודן, און מ'איז געווען צופרידן, עס איז געווען רואיג.

א דוגמא ווי ווייט רואיג עס איז געווען צווישן יודן און די אראבער, למשל איך האב געהאט א מנהג, בערך א מייל-צוויי לעבן חברון איז געווען א בוים וואס עס איז מקובל אז די בוים איז געווען די אשל אברהם, וואו אברהם אבינו האט אויפגענומען די מלאכים, האב איך געהאט א גרויסן הרגש פון צייט צו צייט צו גיין באזוכן דעם בוים, (מובא בחוט המשולש תולדות מרן החת"ס שאכן מקובל שזה הי' של א"א) ספעציעל אין זומער צייט ווען ס'איז ווארים. דארט איז אבער נישט געווען קיין ישוב, ס'איז געווען יעדע 5-7 בלאק אן איינצעלנע הויז, איך פלעג אביסל רעדן מיט זיי, מ'האט זיך פארשטאנען מיטן וואונק. קיינער אין ישיבה האט מיר נישט געזאגט גיי נישט אונטערן שטאט, ס'איז א סכנה, "אראבער!". ס'איז נישט איינגעפאלן, אזוי פריינדליך האט מען געלעבט מיט די אראבער.

אויך האב איך געזען א בריף פון גערער רבי'ן, אין יענע יארן שרייבט ער אז ער איז געפארן קיין א"י, אזוי ווי ס'האט אנגעהויבן ווערן א באוועגונג, אז מען וויל אוועקפארן פון פוילן קיין א"י, האט ער געוואלט זען וואס פאר א סארט פאלק דער אראבער איז, ווי אזוי צו ראטן די מענטשן, צו מען זאל יא פארן אדער נישט פארן, שרייבט ער דארט אין דעם בריעף אז דער אראבער איז זייער א פרידליכע פאלק, און א פיינער פאלק.

דערפאר וויל איך זאגן אז ס'איז אריין א געוואלדיגע גרייז אין דער וועלט אז די חברון'ער אראבער זענען געווען גרויסע רוצחים, און באפאלן די יודן. מעשה שהי' לא כך הי', נאר וואס דען? וועל איך אייך -ביי דעם געלעגנהייט- זאגן מעשה שהי'.

די מעשה איז אזוי, די היינטיגע ציונים די רשעים, איז שוין דעמאלטס אויך געווען די זעלבע זאך אזוי ווי היינט, זיי האבן געקערט די וועלט דארטן, אזוי ווי היינט מאכן זיי ביטערע אומגליקן ביי די מלחמות מיט די אראבערס, ס'איז שוין אומגעקומען אזויפיל יודן זאל דער אויבערשטער אונז אויסהיטן, דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז. דעמאלסט אויך זענען זיי ארויס געגאנגען איין מאל מיט א לאזונג אז דער כותל איז א יודישע נאציאנאלע אייגנטום, די אראבער געווענטליך האבן געהאלטן פארקערט, אז שוין 1100 יאר איז דאס זייערע. וואס קען מען טאן, מיר זענען דאך אין גלות, מפני חטאנו גלינו מארצנו, אבער עס האט זיך אנטוויקעלט די ציוניסטישע באוועגונג, זענען געקומען די פוסטיאקעס די אלע שווארץ יארן, האבן זיי געזאגט "די כותל איז אונזערע", (עס איז בכלל א קשיא וואספארא שייכות האבן זיי צו די מקומות הקדושה). איז געווארן א גרויסע ויכוח אין די צייטונגען. און דערנאך האבן זיי געוואלט מאכן א מקום קבוע צו דאווענען, (כאטש אז זיי האבן אזא שייכות צום דאווענען אזוי ווי גרון [דער דעמאלסדיגער רב הראשי] האט א שייכות צום דאווענען, ער גייט אויפן מקום המקדש מאכן א מנין), צו ענטעגעגנייזן [רייצן] די אראבער און צוביסלאך מער ארייגקריכן, און ס'האט צוגעברענגט צו סכנת נפשות. ר' יוסף חיים זאנענפעלד האט זיי געבעטן ברחמים "לאזט אפ!", ס'איז גענוג אז די אראבער טוען א חסד און לאזן אונז קומען דאווענען, אבער אויף א קביעות האבן מיר קיינמאל נישט געהאט קיין חזקה, עס איז נישט אונזער ארט, ס'איז זייער ארט עד ביאת גואל צדק,

אבער זיי האבן נישט געפאלגט, זיי האבן געמאכט א גרויסע אסיפה אין ירושלים, מ'האט געזאגט אז ס'איז געווען 10,000 מענטשן, אויסצורופן אז ס'איז פאר די יודן, און זיי רופן זיך יודן (כאטש דער חפץ חיים שרייבט אז זיי זענען נישט קיין יודן, די ציונים זענען זרע עמלק), איינער פון די רעדנער איז געווען דער רב הראשי האט ער אויסגערופן אזוי: "שמע ישראל הכותל כותלינו הכותל אחד", דאס איז געווען אין אלע צייטונגען. האט זיך צוהיצט און צופלאקערט צווישן די ציונים און די אראבער, השם ירחם.

דערנאך, איינמאל, מ'איז געזיצן אין חברון און געלערנט, זעען מיר אין שטאט לויפן ארום בויעס מיט קורצע אפגעשניטענע הויזלעך און מיט געווער מיט בייסעקלס און מאטערסייקעל'ס, און לויפן ארום אין די הויפט גאסן אין חברון אהין און צוריק, פון די געווער האט מען זיך דערשראקן, וואספארא מעשה? מער פעלט דא נישט.

בקיצור, האט מען געשיקט רופן אט די חברה, צום ר' משה מרדכי, און זיי האבן נישט געוואלט קומען, מען האט געמוזט גיין צו זיי, האט מען זיי געפרעגט, פאר וואס קומט איר? מה ראו על ככה? וואס טוט איר דא? ס'פעלט אונז אויס? איר וועט אויפרייצן די אראבער! ס'רייצט זיך שוין אזוי אויך!. האבן זיי געענטפערט, מיר קומען אייך פראטעקטן. האבן מיר געזאגט, געוואלד! רחמנות!, און זיי האבן נישט געוואלט אוועקגיין, ביז וואנען ס'איז געווארן צו שפעט.

ביז ווען די פירער פון די אראבער האבן אויפגעקליבן פון אסאך דערפער גרויסע מאסן'ס פון אראבער דארט, (און ווי געווענטליך פארשטייט זיך די צוואנציג קאווערדס [שוואך כאראקטערדיגע מחוצפים] זענען אנטלאפן, זיי האבן ארויסגעכאפט זיך), און ס'שוין געווען שפעט, זיי האבן זיך ארגענעזירט, זייער מופטי האט געזאגט א גרויסע רעדע פאר זיי, זיי האבן געמיינט אז פרייטיג צונאכטס קומט די גאנצע ישיבה דאווענען, וועלן זיי אריינקומען אנפאלן די גאנצע ישיבה און אטאקירן.

איי די ישיבה איז אליין געגן די ציונים, און געגן די פאסקודניאקעס, געגן די אלע זאכן. אבער די אראבער וויסן דאך נישט, לא ידעו להבחין. האבן זיי געקומען, ס'איז געווען א גרויסער קרבן א עולה תמימה, ר' שמואל ראזנהאלץ. ווען ס'איז שוין געווען א טומל אין שטאט זענען אלע געבליבן אינדערהיים, אבער ער איז געווען א גרויסער מתמיד, א מורא'דיגער מתמיד, ער האט געקענט לערנען 80 בלאט גמרא א טאג, האבן זיי איהם געטראפן און זיי האבן בעוונותינו הרבים גע'הרג'עט און פארגאסן זיין בלוט אויף די אפענע גמרא וואס ער האט געלערנט. די פאליציי האט דאן אריינגעמישט זיך אין אווענט, און ס'האט זיך אביסל איינגעשטילט.

אויף מארגן אינדערפרי פארטאג האבן מיר געהערט ווי עס טומלט זיך אין שטאט, און וואס מערער אלץ האט מען געהערט קולות וברקים, און איך בין געווען צוזאמען מיט נאך איינעם, מיט אברהם אושפענער, האבן מיר געוואוינט אין א דירה געדונגען ביי א יוד, וואס ער האט געהאט געדונגען א גאנצן אפארטמענט ביי אן אראבער, ס'איז געווען 3 שטאק, מיר זענען געווען אויף'ן אויבערשטן שטאק, און אזוי ווי ס'איז געווען גרויסע געשרייען אין שבת, מ'האט געזאגט וידוי, האב איך געהאט פארשידענע מחשבות דאן... אבער אז מען האט געהערט אז מען קלאפט זייער שטארק ביי אונז אין טיר אונטן, א לענגערע צייט, נאכער האבן מיר אויסגעפונען וואס איז געווען די קלאפערייען אין טיר, אז אבוסאלא

דער אראבער האט זיי נישט געוואלט אריין לאזן ווייל ער האט געוואוסט אז זיי גייען אויף רציחה, זיי זענען אויפגעהעצטע, און ער האט נישט געוואלט, אזוי איז אויך געווען אין אסאך ערטער וואס די אראבער האבן נישט אריינגעלאזט, קוים קוים האט ער אויסגעהאלטן א פאר שעה, נאכער האט דער אויבערשטער געהאלפן און ס׳איז געווארן שטיל, סיי ביי אונז האט מען נישט געקלאפט און סיי אין שטאט. — ס׳איז געווען 65 מענטשן נעבאך קדושים וטהורים וואס ס׳איז שוין געווען לאחר המעשה!!!, אבער די אנדערע חלק פון שטאט רוב רובם זענען געראטעוועט געווארן.

פארוואס פארצייל איך די מעשה דא, איך האב געוואלט דאס זייער שטארק מפרסם זיין, וואס די ציונים די רשעים -זייער טאטעס און די הייַנטיגע- האבן אונז אנגעטון צרות, רק אין יראת אלקים במקום הזה והרגוני על דבר אשתי, זאגט דאך די הייליגע תורה אז אן יראת שמים איז רציחה פשוט, און דאס האבן זיי געטאן א מעשה פון אזוי פיל יארן עד היום הזה, זיי האבן קאאפערירט מיט די נאצים, ווי ס׳איז באשריבן אין די ביכער אז זיי זענען געווען שותפים מיט די נאצים, (אויסער דעם ענין וואס די חז״ל זאגן גדול המחטיאו יותר מן ההורגו), זעקס מיליאן יודן זענען אומגעקומען ווי די גמרא זאגט אין כתובות אז אל תמרדו באומות ואל תעלו בחומה דריי שבועות האט דער אויבערשטער משביע געווען, און אז איר וועט נישט היטן די שבועות הריני מתיר את בשרכם כצבאות וכאילות השדה, און ס׳איז נתקיים געווארן אויף אט די זעקס מיליאן יודן, דורך די נאצים מיט די זרע עמלק (דער חפץ חיים שרייבט אין סוף ספר קובץ הערות אז די ציונים זענען זרע עמלק), דורך די עבירות וואס זיי האבן אוועקגעשטעלט דעם גאנצן כלל ישראל נאך די ציוניסטישער שמוץ און דער ציוניסטישער געדאנק, און אויך בפועל ממש געווען שותפים צו די.

ר׳ משה שאהנפעלד שרייבט אין א קונטרס, אז ער איז אמאל געקומען צום חזון איש נאך ווי עס האט אויסגעבראכן די מדינה, די אראבער פלעגן פון צייט צו צייט באפאלן יודן, איז יענער געקומען און געזאגט: אוי רבי! איר האט געהערט? עס גייט אדורך עטליכע חדשים, יעדע פאר טעג פאלט א קרבן פון די יודן, אוי וויי אוי וויי, וואס טוט זיך דא?

האט אים דער חזון איש געזאגט: מיין טייערע ר׳ משה שעהנפעלד! איר זענט גערעכט, אבער עס וואונדערט זיך מיר אויף אזא בר דעת ווי איר זענט. אודאי, עס זענען אין די לעצטע פאר חדשים געווען עטליכע צענדליגע נפשות און יעדער נפש אחת מישראל איז אן עולם מלא. אבער דא שטייען דאך די ציונים, די מדינה, די רשעים, זיי נעמען און שמד׳ן אפ יודן, קינדער, הונדערטער טויזענטער אלע טאג, דאס זאל ווייטאן! אזא גזירת השמד וואס מען שמד׳ט אפ הונדערטער טויזענטער יודן, און חז״ל זאגן גדול המחטיאו יותר מן ההורגו, דאס האט ער איהם געזאגט.

נו, זינט דער חזון איש האט דאס געזאגט איז שוין אסאך יארן אדורך ועד היום הזה. ווי למשל ווען איך רעד דא יעצט, האט מיר איינער געוויזן א צייטונג, א שרעקליכע זאך, אז עס איז דא א מענטש, ער רופט זיך א בריסקער, ווייס איך צו ער איז טאקע א בריסקער? ער איז א קליינע מענטש און א גרויסע שגץ, א רוצח, האט ער גענומען איצטער באליידיגן אמעריקע, דער פרעזידענט רעיגן, מיט א חוצפה וואס עס כאפט ממש א פחד, עס איז נאך אזוי נישט געהערט געווארן. עס קען חלילה ברענגען שמדיות, די אראבער קענען זיך אויפכאפן, און די דריי מיליאן יודן זענען אלע אין סכנת נפשות.

וואס גייט אן אזא מנובל? אז די אראבער האבן געהאט אין באגדאד א רעאקטאר, גייט דער רשע צוברעכט עס. דו ווייסט דאך אז עס איז סכנת נפשות פאר אלע יודן, אבער וואס גייט אים אן? ווייל ער וויל ווערן מיניסטער פרעמיער, א שווארץ יאר, קוקט ער נישט אויף גארנישט.

די גמרא זאגט אז א קוואל פון וועלכע דו האסט געטרונקען וואסער זאלסטו נישט ארייןווארפן א שטיין, דו פארעך איינער! דו פארעך בעגין! לעבסט אינגאנצן פון אמעריקע, דו מיט דיין פאסקודנע פינסטערע מדינה! ווען נישט אמעריקע וואלסטו נישט געהאט קיין קיום, די גאנצע כח קומט פון אמעריקע, זיי גיבן אייך אלעס, זיי גיבן אייך געווער און אלעס! גייסטו, דו חצוף איינער, ווייל דיר געפעלט נישט, ווייל דיר פאסקודניאק געפעלט נישט זיין פאליטיק. - און די גאנצע זאך קען ארויסרופן צארן ביי די אראבער. סוף כל סוף איז דאך דא הונדערטער מיני אראבער, און רוסלאנד שטייט אויף זיין זייט. - קוקט ער נישט אויף די אלע זאכן, זיין כבוד און זיין פאליטיק פירט איהם אפילו עס זאל קאסטן הונדערטער און טויזנטער אידישע נפשות.

און מיט וועמען, רבותי, האט מען זיך דא פארבונדן? אנדערע מענטשן, טאקע פון די רעליגיעזע האבן געזאגט, ״התאהבנו בבגין״! מיר האבן זיך פארליבט אין בעגין! עס כאפט א פחד! ער איז דאך געווען דער ראש המסיתים ומדיחים, דער ראש הכופרים, און א מסית ומדיח איז דער דין ״לא תשמע לו, ולא תאבה לו ולא תחמול עליו, וגו׳״. פינף לאווין זאגט רש״י. דאס איז א יחיד׳יגער מסית, ווען ער האט צוגערעט איין מענטשן, טאר מען נישט ליב האבן.

היינט, א מאסן מסית ומדיח, א רוצח, א רשע, א ראש הכופרים, פון די מדינה, וואס האט אומגעברענגט די תימן׳ער יודנטום, די מאראקאנער יודן, און נאך אסאך ספרדישע, עס איז געווארן פון זיי ציונים און פוסטאקעס, אראפגעפירט פון תפילין, פון תורה. שרייבט איינער פון די רעליגיעזער פארטיי, ״התאהבנו בבגין״?! ווי קען מען ליב האבן א מסית? איר האט געהערט, צו אזא מצב אנקומען? השם ירחם עלינו!

...מען האט טאקע געהאלטן ביי אן אנדער ענין, אבער דאס הארץ טוט וויי, כי יחם לבבי, האב איך געוואלט אויסנוצן די געלעגנהייט צו זאגן, מען זאל וויסן אז השם ירחם עלינו, ומה עוללו לנו הציונים הרשעים הארורים האלו! מען דארף צו וויסן אז עס איז פארהאן א טעות אין דער וועלט, מען מיינט אז די אראבער האבן דאס געטון, זאל מען וויסן אז די גאנצע זאך וואס די אראבער זענען געווען אין כעס אויף אונז האבן זיי געמאכט. ווייל די אראבער זענען געווען א פרידליכן פאלק. בין איך אן עדות, מיר האבן געלעבט מיט זיי אין חברון מיט א פרידליכקייט. גיבט א קוק אין די בריוועז פון גער׳ער רבי׳ן אז די אראבער זענען געווען פרידלעך. און פון די היסטאריע זעט מען אויך אזוי אז אלע פאגראמען זענען געווען בעיקר אין איירופע, די הלכה איז בידוע אז ״עשו״ שונא ליעקב, די אראבער זענען געווען פרידליך אלע דורות. ווער האט דאס געמאכט אז זיי זענען פיינטליך יעצט? די ציונים ארורים! מיר ווייסן דאך הבא להרגך השכם להרגו, די אראבער זענען געזיצן דארט עלעף הונדערטער יארן, -און מיר זענען דארט געווען אין גלות, מפני חטאנו גלינו מארצינו-, קומען יעצט בכח ובזרוע און ווארפן זיי ארויס, הרג׳ענען, צובאמבען, צובוטשערן זיי, עד היום הזה אין לבנון, מיט די עראפלאנען וואס זיי האבן פון אמעריקע, מעקן זיי אויס גאנצע דערפער.

**זאל מען וויסן ווער די רוצחים זענען, זיי -די ציונים- זענען די גרעסטע רוצחים וואס די וועלט פארמאגט, זיי האבן זיך אנגעטשעפעט אויפן כלל ישראל און לאזן נישט לעבן ברוחניות און נישט בגשמיות.**

**זאל שוין יעדער מתפלל זיין, אז השם ירחם עלינו!**